ב"ה




פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת ויגש, ח' טבת תשס"ז
גליון 3, מספר 7

# פרשת ויגש




## "וירא את העגלות אשר שלח יוסף"

אין היינטיקער פרשה ווערט דערציילט, אז ווען די ברידער זיינען צוריקגעקומען צו יעקב'ן פון מצרים האבן זיי אים איבערדערציילט די רייד פון יוסף, און דערנאך שטייט: "וירא את העגלות גו' ותחי רוח יעקב אביהם" (יעקב האט געזען די וואגנס און דער גייסט פון יעקב האט אויפגעלעבט).

טייטשט רש"י: " סימן נתן להם במה הי' עוסק כשפירש ממנו - בפרשת עגלה ערופה, וזהו שנאמר וירא את העגלות אשר שלח יוסף": יוסף האט איבערגעגעבן די ברידער א סימן (צו אויפווייזן יעקב'ן אז ער איז יוסף) – מיט וואס זיי, יעקב און יוסף, האבן זיך באשעפטיקט ווען יוסף האט זיך אפגעשיידט פון יעקב'ן - די פרשה פון עגלה ערופה. און דאס מיינט דער פסוק "וירא את העגלות" (דערווארט "עגלות" איז א רמז אויף "עגלה ערופה") אשר שלח יוסף".

זעט מען דא א וואונדערלעכן ענין:

יוסף איז שוין געווען אפגעשיידט פון יעקב אבינו צווי און צוואנציק יאר. פונדעסטוועגן האט יוסף געדענקט גענוי וואס ער האט געלערנט מיט יעקב ווען ער האט זיך פון אים אפגעשיידט. ניט געקוקט אויף דעם וואס במשך די צווי און צוואנציק יאר איז יוסף געווען אין מצרים, און איז געווען פארנומען מיט פארשידענע זאכן, ביז צו זיין דער "מושל" אין גאנץ ארץ מצרים - זיינען די ווערטער וואס ער האט געלערנט מיט יעקב, מיט צווי און צוואנציק יאר פריער געבליבן איינגעקריצט ביי אים אין זכרון!

דערמיט איז פארשטאנדיק וואס עס שטייט גלייך נאך דעם "ותחי רוח יעקב אביהם", ווייל ווען יעקב האט געהערט אז יוסף, נאכן זיין אין מצרים צווי און צוואנציק יאר, געדענקט ער וואס ער האט מיט אים געלערנט, פארשטייט זיך ווי יעקב האט זיך דערמיט אפגעלעבט.

דערפון איז אויך א קלארע אנווייזונג פאר אידישע קינדער:

מען דארף לערנען תורה מיט אזויפיל חיות און מיט אזא גרויסער שטארקייט ביז אז די ווערטער ווערן ביי אים איינגעקריצט אין זכרון, און אז ער טרעפט א אידן אין גאס קען ער אים דערמאנען וואס זיי האבן געלערנט צוזאמען מיט צענדליקער יארן פריער!

*(המשך אין עמוד 2)*

טייערע קינדער שלוחים,

אויב איר האט געקענט געבן אייער עלטערן די בעסטע מתנה, וואס וואלט דאס געווען? איך בין זיכער אז אויב איר וועט זיי פרעגן, וועט איר אויסגעפונען אז די בעסטע מתנה וואלט געווען אז אלע ברידער און שוועסטער פון משפחה וועלן זיך פירן שיין איינער צום צווייטן. דאס איז די גרעסטע מתנה פאר עלטערן.

דאס זעלבע זאך איז ביים אויבערשטן, אונזער טאטען. דעם וויכטיקסטן און טייערסטן זאך ביים אויבערשטער איז ווען אידן פירן זיך מיט אהבת ישראל איינער צום צווייטן.

די פארקערט פון אהבת ישראל האט געברענגט צו די חורבן פון בית המקדש – וואס דאס האט זיך אנגעהויבן י' טבת (ווי איר וועט ליינען,) און די בית המקדש וועט נאכאמאל ווערן אויפגעבויט דורך אהבת ישראל!

משיח נאו! –א. וועכטער




## עשרה בטבת




### די גויים האבן ארום גערינגלט ירושלים

דעם זונטאג איז עשרה בטבת, דער צענטער טאג אין חודש טבת.

עשרה בטבת איז א פאסט טאג, דער איינציקער פאסט טאג וואס קען ארויספאלן פרייטאג. דעם פאסט טאג איז דער אנהויב פון דער סוף– דעם סוף פון בית ראשון. דאס איז ווייל עשרה בטבת האט די ארמייי פון דער קעניג פון בבל ארום גערינגלט ירושלים, און ער האט קיינעם ניט געלאזט אריין אדער ארויסגיין. צוויי און א האלב יאר שפעטער האבן די גויים צובראכן די וואנט ארום ירושלים, און זיי זיינען אריינגעקומען צו פארברענען דעם בית המקדש. נבוכדנצר האט גע'הרג'ט פיל אידן און האט גענומען אנדערע אידן אין גלות. עשרה בטבת איז געווען זייער א טרויעריקע טאג ווייל דאס איז דער אנהויב פון דער חורבן.

*קינדער, חורבן בית ראשון איז געווען צוליב דעם וואס אידן האבן זיך ניט געפירט מיט אהבת ישראל. מיר קענען דאס בייטן דורך דעם וואס מיר וועלן זיך שטארקן אין אהבת ישראל!*




אין צייט פון גאולה וועלן אלע שולס און בתי חב"ד שטיין גלייך לעבן דעם בית המקדש. די גילוי פון דעם אויבערשטנ'ס שכינה וועט זיין אזוי שטארק אין זיי ווי אין בית המקדש.

יעצט קען מען פארשטיין וואס עס שטייט אז די בית המקדש וועט זיין אזוי גרויס ווי גאנץ ירושלים. ווייל די אלע שולס און בתי חב"ד וועלן זיין אזוי פול מיט הייליקייט ווי די בית המקדש, און צוזאמען וועט דאס אנפילן גאנץ ירושלים!

*(המשך פון לעבן מיט דער צייט)*

און דורך דעם איז - "ותחי רוח יעקב אביהם": ווען יעקב אבינו, זייענדיק אין גן–עדן, זעט א אידן וואס געפינט זיך אין גלות און דאך געדענקט ער די תורה וואס ער האט געלערנט צענדליקער יארן פריער, גיט דאס צו א נייעם חיות אין דעם גייסט פון יעקב אבינו ווי ער געפינט זיך אין גן–עדן!

און זיכער איז יעקב אבינו מעורר רחמים רבים ביים אויבערשטן, צו אראפברענגען אלערליי ברכות און הצלחות אין אלץ וואס מען נויטיגט זיך.

און דער עיקר, אז די אלע וואס לערנען תורה אין דעם אופן, וועלן איבערלעבן דעם צושטאנד פון "הונגער" פאר אידישקייט, און "הונגער" פאר ברכות פון דעם אויבערשטן (וויבאלד די גאולה איז נאך ניט געקומען) - און זיינען זוכה גאר אינגיכן צו דער גאולה שלימה דורך משיח צדקנו.

(פון דער רבי רעדט צו קינדער *שיחת אור לח' דחנוכה תשמ"ה* )

*טייערע קינדער, זעט ווי וויכטיג און טייער איז אייערע לערנען!! לערנט גוט און ברענגט נחת צו אייערע עלטערן, צום רבי'ן, און צום אויבערשטן!*




דרייסיג טעג פאר א יום טוב, גרייטן מיר זיך צו צו דעם. עשרה בטבת, תשמ"ז האט דער רבי גערעדט אז עשרה בטבת איז דרייסיג טעג פאר י' שבט - דעם יארצייט פון פריערדיקן רבי'ן.

דער רבי האט אונז געזאגט אז דער פריערדיקן רבי'ן האט אונז געזאגט אז משיח קומט אט אט, און מיר דארפן יעצט צופוצן די קנעפלאך אז מען זאל קענען גיין אנטקעגן משיח'ן מיט נאך מער שיינקייט.

מיר פוצן אונזער קנעפלאך דורך דעם וואס מיר לערנען נאך תורה און טוען נאך מער מבצעים!

קינדער, י' שבט איז דער טאג וואס דער רבי האט אנגענומען אויף זיך די נשיאות. עשרה בטבת איז א גוטע צייט אנצוהויבן די הכנות צו אט דעם ספעציעלן טאג.

## "וזרח השמש ובא השמש..."



## י' שבט

# דערצייל מיר א מעשה

א חסיד איז געקומען פון ארץ ישראל צום רבי'ן מהר"ש. דער רבי האט אים געפרעגט פיל שאלות וועגן די אידן אין ארץ ישראל. נאכדעם וואס ער האט געענטפערט צום רבי'ן, האט ער אויך געהאט א שאלה צו פרעגן: "איך פארשטיי ניט דאס וואס עס שטייט אין ספרים אז די אידן פון ארץ ישראל זיינען זייער ספעציעל. איך זעה ניט אן אויסגערגעוויינליכע ספעציעלקייט אין זיי."

"און דו פארשטייסט אין נשמות?" האט דער רבי מהר"ש געפרעגט, "איך וועל דיר זאגן א מעשה וואס מיין טאטע האט מיר געזאגט וועגן א "פשוטע" איד אין ארץ ישראל."

"אמאל איז געווען א דארפסמאן וואס האט געלעבט אין א שטאט נאנט צו ירושלים. ער האט ניט געוואוסט וויאזוי לערנען, און ער האט אויך ניט געוואוסט וואס און וויאזוי צו דאווענען. איז וואס האט ער געטאן? ער פלעגט יעדן וואך גיין צו א רב אין ירושלים, און דער רב האט אים געזאגט וואס צו דאווענען אין די קומענדיקע וואך.

איין יאר אין מיטן חשון, די צייט ווען די רעגן דארף זיך אנהויבן, האט ער געבעטן דעם רב שרייבן פאר אים אלע תפילות וואס ער וועט דארפן זאגן אין די קומענדיקע צוויי וואכן. "מסתמא וועט עס רעגנען און עס וועט זיין צו שווער אנקומען צו דער שטאט", האט ער געזאגט. דער רעגן איז אבער ניט געקומען, און דער איד איז אריינגעקומען אין שטאט דעם נעקסטן וואך. ווען ער איז אנגעקומען האט ער באמערקט אז אלע אידישע קראמען זיינען געווען פארמאכט. דער איד איז געווארן זייער נערוועז. קען עס זיין אז עס איז שבת היינט?!

אבער באלד האט ער געזען א איד וואס גייט אין וועג מיט זיין טלית און תפילין, "בה! עס קען ניט זיין שבת אויב ער האלט תפילין!" האט ער געטראכט, "אבער פארוואס זיינען אלע קראמען פארמאכט?"

ער האט א פרעג געטאן דער איד.

"היינט איז א פאסט טאג." איז געווען דער ענטפער.איננאנצן פארמישט, איז דער איד גלייך געגאנגען צום רב, "פארוואס האסטו מיר ניט געזאגט אז היינט איז א תענית? איך וואלט געפאסט און געזאגט די איבעריגע תפילות וואס מען זאגט אויף א תענית?!"

"זארג זיך ניט, " האט דער רב געזאגט, "דאס איז ניט א נארמאלע פאסט טאג. מיר האבן יעצט באשלאסן מאכן די פאסט טאג פאר די אידן אין ירושלים ווייל עס האט נאך ניט גערעגנט!"

דער פשוט'ער איד האט ניט פארשטאנען, "ווען איר דארפט רעגן, פאסט איר?" האט ער געפרעגט.

"וואס דען?", האט דער רב געענטפערט.

"איך פארשטיי ניט," האט דער איד געזאגט, "ווען איך דארף האבן רעגן, גיי איך ארויס צום פעלד און איך זאג, "טאטע איך דארף רעגן!" און עס פאלט רעגן!"

"אזוי?", האט דער רב געזאגט, אפשר פרואוו דאס יעצט. אפשר דאס וועט העלפן צו ברענגן רעגן פאר די אידן אין ירושלים!"

דער פארמער האט זיך געדרייט און איז ארויסגעגאנגען פון שול. ער איז געשטאנען אין גאס און האט געוויינט. דורך זיינע טרערן האט ער געשריען "טאטע, קען עס זיין אז די אידן פון דיין הייליקע שטאט וועלן שטארבן פון הונגער? זעסטו ניט אז זיי דארפן רעגן?"

גלייך ווי ער האט געענדיקט זיינע ווערטער איז עס געווארן טונקל, און די רעגן איז געפאלן!

דער רבי מהר"ש האט פארענדיקט די מעשה, און האט געזאגט, "און דו מיינסט אז דו פארשטייסט אין נשמות? דאס איז געווען א מעשה פון א "פשוטע" איד פון ארץ ישראל!"

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער
בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה

נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת ויגש

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים׳ס אופיס פאר מיטוואך,**
**און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

## שרייב די ענפער צו די שאלות וועגן פרשת ויגש און עשרה בטבת.



1. וואו אין מצרים האט יעקב׳ס משפחה געלעבט?
2. ווער איז געווען די זיבעציגסטע פון יעקב׳ס משפחה?
3. ווער האט אנגעזאגט יעקב וועגן די גוטע נייעס אז יוסף לעבט און ער איז קעניג אין מצרים?
4. ווער איז געווען די וויכטיגסטע מאן אין מצרים?
5. ווער איז געווען די צווייטע צו אים?
6. וועלכע פאסט טאג קומט אן די וואך?
7. וואס איז יעקב געווען אין מיטן זאגן ווען ער האט געזען יוסף?
8. אויף וועמען רעדט זיך די ווארט "ויגש"?
9. וועלכע שטאט האבן די גויים ארומגערינגלט?
10. מיט וועלכע ווערטער האט יוסף געזאגט פאר זיין ברודערס ווער ער איז?
11. פון וואנעט זיינען געקומען די וואס האבן פארברענט די ערשטע בית המקדש?
12. ווער איז געווען די קעניג פון די ארמיי וואס האט פארברענט די ערשטע בית המקדש?

## הצלחה רבה

נאמען:_______________________________ ווי אלט:_____

אדרעס:_______________________________________

_______________________________________

אימייל:_________________________

**די געווינער פון פרשת מקץ: פעשי גאראדעצקי, 11**